א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

279 | פרשת בהר | תשע"ט

## מאוצרות אמונים
פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'ונפשי כעפר תהיה' - ביי אלע מצוות

"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר" (כה א)

"מה ענין שמיטה אצל הר סיני, והלא כל המצות נאמרו מסיני, אלא מה שמיטה נאמרו כללותיה ופרטותיה ודקדוקיה מסיני, אף כולן נאמרו כללותיהן ודקדוקיהן מסיני, כך שנויה בתורת כהנים" (רש"י).

פארוואס לערנט אונז די תורה דער כלל פונקט ביי די מצוה?

זאגט **רבי יוסף ישראל דייטש** דער רב פון באלאשא-יארמוט:

דער בארג סיני איז דער סימבאל פון ענוה, אזוי ווי די חכמים זאגן (סוטה ה א) אז די תורה איז אויף דעם געגעבן געווארן ווייל ער איז נידריגער פון אלע אנדערע בערג. די מדה פון ענוה איז א תנאי אויף לימוד התורה און קיום המצוות בכלל, און ספעציעל אויף די מצוה פון שמיטה, ווייל א מענטש וואס מיינט אז די הצלחה אין זיין פארמעגן איז דורך זיין הארוואניע, וועט אים זיין שווער צו מפקיר זיין זיינע פעלדער און זיי נישט באארבעטן אין לויף פון א גאנצע יאר. דעריבער דוקא ביי די מצוה האט די תורה אוועק געשטעלט דער יסוד אויף אלע מצוות, אזוי ווי מ'קען נישט מקיים זיין די מצוה נאר אויב דער מענטש פירט זיך אין די בחי' פון 'הר סיני', אזוי אויך אלע מצוות - קען מען נישט מקיים זיין ווי עס דארף צו זיין אן צו זיין א ענו און א שפל ברך.

די וויכטיגקייט פון די מדה פון ענוה אויף צו מקיים זיין די תורה און מצוות קען מען זעהן פון דעם וואס מיר דערמאנען ביי די תפלה פון 'אלקי נצור' די בקשה: "ונפשי כעפר לכל תהיה" נאנט צו די בקשה פון "פתח לבי בתורתך ואחרי מצוותיך תרדוף נפשי".

'בן גרני'

### די ברכה 'על ספירת היובל'

"וְסָפַרְתָּ לְךָ שֶׁבַע שַׁבְּתֹת שָׁנִים שֶׁבַע שָׁנִים שֶׁבַע פְּעָמִים" (כה ח)

אין די צייטן וואס דער בית המקדש איז געשטאנען האבן די סנהדרין געציילט יעדע יאר די יארן פון יובל, אזוי ווי מיר ציילן 'ספירת העומר', און נאך ניין און פערציג יאר וואס דאס זענען זיבן שמיטות, האבן מען באשטימט דעם יאר פון יובל, אזוי ווי מיר זענען באפוילן געווארן אין דער פסוק.

דער 'חזקוני' שרייבט, כאטש אז ציילן די יארן פון יובל איז א מצות עשה, האט אבער בית דין נישט געזאגט א ברכה פארן עס מקיים זיין אזוי ווי מ'זאגט א ברכה בעפאר 'ספירת העומר', ווייל מ'האט נישט מתקן געווען צו זאגן א ברכה נאר אויף א מצוה וואס איז א חוב אויף יעדן איינציגן איד. אבער אויף א מצוה וואס איז א חוב אויפן ציבור אזוי ווי די מצוה, האט מען נישט מתקן געווען צו מאכן א ברכה.

אבער די **בעלי התוספות** קריגן זיך אויף דעם יסוד און האלטן אז אויך בעפאר מ'האט געציילט די יארן פון יובל האט בית דין געזאגט די ברכה: "אשר קדשנו במצוותיו וצונו על ספירת היובל".

ספר המצוות' להרמב"ם עשה קמ; תוספות כתובות עב א ד"ה וספרה; ביאור הר"ש משאנץ לתורת כהנים בהר ב ב; 'חזקוני'

## מבאר אמונים
מקורות על גודל חשיבות עניית אמן

### א 'אוצר' פון 'אמן'

"וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ" (כה יט)

די ראשי תיבות: "וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ" זענען בגימטריה 'אמן', און דער מילוי פון דערווארט 'אמן' (אל"ף מ"ם נו"ן) איז בגימטריה 'אוצר'; פון דא זעהן מיר אז דער וואס איז מקפיד צו ענטפערן אמן איז זוכה אז די ברכה זאל שטענדיג זיין אין זיין וואוינונג און ער זאל זעהן הצלחה אין זיין פרנסה און אין זיין פארמעגן. און אזוי ווי דער של"ה הק' שרייבט (מס' תמיד אות פ) אז דער וואס געבט אכטונג צו ענטפערן אמן "עפנט דעם מקור העליון - מקור מים חיים".

'אהבת ישראל'; 'אות לפי' עמ' קעח

### 'חרות' וואס שטייט אין די תורה

"וְקִדַּשְׁתֶּם אֵת שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים שָׁנָה וּקְרָאתֶם דְּרוֹר בָּאָרֶץ לְכָל יֹשְׁבֶיהָ" (כה י)

דער ווארט "דְּרוֹר" טייטש אונקלוס: "חֵרוּתָא". לויט דעם קען מען פרעגן פארוואס ביים דאווענען וואס איז פארפאסט געווארן אויף לשון הקודש כאפן מיר אן דעם לשון פון תרגום: 'חרות', און נישט דעם לשון פון פסוק: 'דרור'; אזוי אויך ביי שמונה עשרה': "תקע בשופר גדול לחרותנו", און אויך ביי מעריב: "ויוצא את עמו ישראל מתוכם לחרות עולם", און אויך ביי די תפילות פון יו"ט פסח זאגן מיר: "ותתן לנו... את חג המצות הזה - זמן **חרותנו**"?

**רבי אברהם איתיאל גארעוויץ** ראש ישיבת 'נר משה' ברענגט אז די ווארט 'חרות' האט אויך א מקור אין תורה, ווייל אויפן פסוק (שמות יד ב): "וְיָשֻׁבוּ וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת" טייטש רש"י: "היא פיתום, ועכשיו נקרא 'פי החירת' על שם שנעשו בני חורין", זעהט מען דאך אז די תורה כאפט אויך אן דער לשון 'חירות'.

'אור אברהם'

### 'שבענו מטובה' אין זכות פון 'ותן ברכה'

"וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ" (כה יט)

טייטש **רבי שלמה קלוגער**:

מיר טרעפן אין גמרא (תענית ח ב) אז ווען עס הערשט אויף דער וועלט א הונגער מיט א מארד צוזאמען, דארף מען דאווענען אז דער הונגער זאל זיך אויפהערן, ווייל ווען עס וועט קומען די זעטיגקייט - וועט ממילא בטל ווערן די מארד, ווייל דער אויבישטער געבט נישט די זעטיגקייט נאר כדי אז די מענטשן זאלן **לעבן**, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמה טז): "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי...".

לויט דעם קען מען זאגן, אז ווען דער אויבישטער געבט אריין א ברכה אין די פרוכט אין ארץ ישראל, טוט ער עס נאר צוליב די אידן וואס וואוינען דארט (ראה יחזקאל לו ח), און וועגן דעם, ווען די אידן זענען נישט ראוי אויסגעלייזט ווערן צוליב זייערע מעשים, דארפן זיי בעהטן אויף די תבואה פון די לאנד, און דורך דעם וועלן זיי צוריק קומען קיין ארץ ישראל געניסן פון די פרוכט פון די לאנד.

דאס האט דער פסוק מרמז געווען; אין זכות פון: "וְנָתְנָה הָאָרֶץ פִּרְיָהּ", וועט מקויים ווערן: "וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ". און וועגן דעם האט מען אויך אויסגעשטעלט ביים נוסח הברכה פון 'ברך עלינו': "ותן ברכה על פני האדמה", און ממילא וועלן מיר זוכה זיין צו: "ושבענו מטובה", ווייל די ברכה איז נאר צוליב די אידן.

'חכמת התורה' עמ' קיז; קסח

### 'גרים' אדער 'תושבים'?

"כִּי לִי הָאָרֶץ כִּי גֵרִים וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי" (כה כג)

די ווערטער 'גרים' און 'תושבים' זענען לכאורה ווי א סתירה?

זאגט אויף דעם **רבי יוסף פאצאנאווסקי** פון לאדזש:

עס איז באקאנט די גמרא (ברכות לה א) אויף די סתירה פון די פסוקים אין תהלים: "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ" (כד א), אקעגן: "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם" (קטו טז), נאר, בעפאר די ברכה טוט די וועלט געהערן "לה'", און נאכן זאגן א ברכה און איינערקענען אז דער אויבישטער איז דער האר אויף דער וועלט, דעמאלטס: "והארץ נתן לבני אדם".

מ'קען זאגן אז דער יסוד איז מרומז אין דער פסוק: "כִּי לִי הָאָרֶץ", אבער "גֵרִים וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי", דאס צי ענק זענען 'גרים' צי 'תושבים' איז אנגעהאנגען לויט וויפיל ענק זענען 'עמדי', לויט וויפיל ענק טון איינערקענען אין די מציאות פון ה' און זיין הערשאפט אויף דער וועלט.

'פרדס יוסף'




אין זוהר הקדוש (וילך רפה ב)
**אנטפלעקט אונז דער תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי:**

"אין די צייט וואס די אידן דאווענען אויף זייערע צרות, רופט אויס א קול אין אלע עולמות (ישעיה כו ב): "פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים". אזוי ווי די אידן האבן געעפענט די טויערן פון ברכה דורך ענטפערן אמן, אזוי זאל אויך געעפענט ווערן פאר זיי די 'שערי רחמים' עס זאל אנגענומען ווערן זייערע תפילות" (וילך רפה ב)

מ'עפענט די 'שערי תפילה'
דורך זאגן די ברכות השחר מיט א חברותא פארן דאווענען

האט'ס גפויעלט אלע'ס גוט.

הוא ימליץ טוב בעדנו אדוננו בר יוחאי

# תענה אמונים

פנינים וביאורים
על 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - ברכת 'בונה ירושלים' (ח')

### שלא נבוש ולא נכלם

בעפאר מיר ענדיגן די ברכה 'רחם נא' מיט די בקשה 'בונה ירושלים', לייגן מיר צו א טעם אויף אונזער בקשה: "ונא אל תצריכנו... כי אם לידך", כדי: "שלא נבוש ולא נכלם לעולם ועד" - נישט אין עולם הזה און נישט אין עולם הבא.

אין ספר 'ויען יוסף' (אות מג) ברענגט דער מחבר הגה"ח רבי יוסף מענדלקארן א הסבר אויף דעם ענין וואס ער האט געהערט פון דער גאון רבי דב רעגנסבערג אב"ד זַאמבְּרוֹבא אין נאמען פונעם 'חפץ חיים': דער וואס פארלאזט זיך אויף די חסדים פון א בשר ודם, קען זיין אז ער וועט זיין פארשעמט לעתיד לבוא, ווייל עס קען זיין אז דער אנדערער האט אים געטון א חסד טראכטנדיג אז ער איז א צדיק און עס קומט זיך ער זאל אים העלפן. און אויב זייענדיג אין עולם הבא וועט ער געוואר ווערן אז ער האט געהאט א טעות, וועט דאס צוברענגען צער און בושה פארן מקבל. דאקעגן דער וואס איז זוכה אז זיין פרנסה איז פון השי"ת'ס האנט דעמאלטס 'לא יבוש לעולם ועד'. ווייל ה' יתברך ווייסט דאך די באהעלטענישן פון די מענטשן, און ווען ער געבט פאר זיי צום לעבן, איז דאס נאר ווייל ער וויל גוט'ס טון און נישט נאר אויב זיי זענען ראוי אויף דעם.

און דער 'חפץ חיים' פלעגט צושטעלן צו דעם א מעשה שהיה אין די שטאט ווילנא, א עלטערער און א מכובד'יגער מענטש איז אנגעקומען קיין ווילנא און האט דערציילט פאר אלעמען אז ער איז א אייניקל פונעם ווילנער גאון. פארשטייט זיך, אלע האבן אים שטארק מכבד געווען, און האבן אים געגעבן געלט און עסן אן א אויפהער. שפעטער איז מען געוואר געווארן אז דער מענטש האט אינגאנצן נישט קיין פאמיליע פארבינדונגען מיטן גר"א, און דורך דעם, אנשטאט די כבוד פון ביז יעצט האט יענער געהאט זייער גרויסע ביזיונות.

רבי חיים אריה לייב פענסטער פון יעדוואבנע האט ערקלערט:

דער וואס באקומט א מתנה פון מענטשן שעמט זיך דאפלט פון די מענטשן; סיי ווען ער באקומט, אזוי ווי עס שטייט אין ירושלמי (ערלה א ג) אז דער וואס באקומט א מתנה פון זיין חבר שעמט זיך קוקן אין זיין פנים, און סיי נאכדעם, צוליב וואס זיין כבוד איז דערנידערט געווארן דארפנדיג צוקומען צו מענטשן. אבער דער וואס באקומט זיין שפייז פון השי"ת'ס האנט, שעמט זיך נישט בשעת'ן נעמען, און אויך נישט נאכדעם, און דאס איז די כוונה: "שלא נבוש" - אויף דער וועלט, "ולא נכלם" - אויף דער קומענדיגע וועלט ('שער בת רבים' לך לך).

### 'ובנה ירושלים' - דורך 'בימינו'

די בקשה 'רחם נא' ענדיגט זיך 'מעין הפתיחה' מיט די בקשה: "ובנה ירושלים עיר הקודש במהרה בימינו".

הרה"ק רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ האט ערקלערט: "ובנה ירושלים... בימינו" - אין זכות פון אונזערע 'טעג' זאלסטו אויפבויען ירושלים, ווייל יעדן טאג לויט די מצוות וואס דער מענטשן טוט, ווערן פארמערט ציגל צו קענען אויפבויען דעם בית המקדש. און ער ברענגט א אינטערסאנטער זאך, אז הרה"ק דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק האט אמאל געטון א 'עליית נשמה' און האט געזעהן ווי מלאכים טראגן די כלים פון בית המקדש, און זיי האבן אים געזאגט אז דאס זענען די כלים וואס ער האט ארויסגענומען פונעם גלות דורך זיינע תפילות און זיינע גוטע מעשים ('זרע קודש' כי תצא).

### ירושלים של מעלה און של מטה

הרה"ק בעל 'ישמח משה' האט זיך געוואונדערט אויף דעם וואס אין אנהויב די ברכה בעהטן מיר: "ובנה [מיט א לשון עתיד] ירושלים עיר הקודש", און ביים ענדע זאגן מיר: "בונה [מיט א לשון הווה] ברחמיו ירושלים" - אן צו דערמאנען 'עיר הקודש'?

ערקלערט דער ישמח משה: אין טרעפן אין גמרא (תענית ה א) אז אויסער 'ירושלים של מטה', איז אויך פארהאן 'ירושלים של מעלה', און דער אויבישטער גייט נישט אריין אין ירושלים של מעלה, ביז ער וועט פריער אריינגיין אין ירושלים של מטה. לויט דעם פארשטייט מען אז די בקשה 'ובנה' באציהט זיך אויף ירושלים של מטה, אז ווען עס וועט געבויעט ווערן - וועט דארטן רועהן די שכינה און דאס וועט זיין א 'עיר הקודש'. אבער דער אויספיר: "בונה ברחמיו ירושלים" באציהט זיך אויף ירושלים של מעלה, וואס דאס בויעט השי"ת יעדן טאג דורך אונזער תורה און תפילה, אבער מ'קען עס נאכנישט אנרופן 'עיר הקודש', ווייל ווי געזאגט, כל זמן וואס ירושלים של מטה איז נאכנישט אויפגעבויעט געווארן, רוהט נישט הקדוש ברוך הוא אין ירושלים של מעלה ('ישמח משה' ח"א, אין 'שיח ספונים' עמ' 2).

### 'ציון במשפט תפדה'

די גירסא פונעם טור (או"ח קפח) אויף די ענדע פון ברכה איז: "בונה ירושלים" אן די ווארט 'ברחמיו', און דער 'בית יוסף' ערקלערט אין נאמען פון די ראשונים, אז ער האט נישט געוואלט גורס זיין 'ברחמיו', ווייל עס איז דאך א אפענער פסוק (ישעיה א כז): "צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה", און פון דעם איז משמע אז ירושלים וועט אויפגעבויעט ווערן על פי דין און משפט און נישט דורך רחמים.

אבער אין 'דרכי משה' (שם א) שטייט אז להלכה דארף מען גורס זיין 'ברחמיו', און פארענטפערט דעם פסוק אין ישעיה, אז דער נביא מיינט צו זאגן, אז ציון וועט אויפגעבויעט ווערן דורך דעם וואס די אידן וועלן פירן זיך על פי דין און משפט. אויך דער ב"ח פסק'נט אז מ'דארף גורס זיין 'ברחמיו', און ער לייגט צו אז דורך דעם וועט זיין די חתימה פון די ברכה 'מעין הפתיחה', ווייל אין אנהויב בעהטן מיר: "רחם נא ה' אלוקינו... ועל ירושלים עירך".

### די ברכה פון 'ובנה ירושלים' ענדיגט זיך מיט א 'אמן'

מיר זעהן אין גמרא (ברכות מה ב) אז די ברכה 'בונה ירושלים' ענדיגט זיך מיט א 'אמן', ווייל מיט דעם ענדיגט מען די ברכות וואס זענען מן התורה. לייגט צו דער מהר"ל ('נתיבות עולם' נתיב העבודה יח) לויט זיין וועג צו ערקלערן די סדר פון די ברכות אז זיי זענען אויסגעשטעלט 'מן הקל אל הכבד', ווייל מיטן אויפבוי פון ירושלים איז פארענדיגט געווארן די קדושה פון כלל ישראל, דעריבער ענדיגט מען מיט א 'אמן', וואס דאס איז די גרעסטע מדרגה אזוי ווי די מבינים ווייסן פון דעם, און אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מהמברך".

נאך שרייבט רבי אהרן תאומים אב"ד וורמייזא, אז וועגן דעם האט מען מתקן געווען מ'זאל ענדיגן מיט 'אמן' דווקא ביי די ברכה, ווייל עס ווערט געברענגט אין זוהר (פנחס רכא א) אז א גוי האט געפרעגט פון רבי אליעזר: וויאזוי גלייבן ענק אז דער בית המקדש השלישי וועט אויפגעבויעט ווערן, עס האט דאך נישט קיין מקור אין תורה? האט רבי אליעזר געפרעגט די פראגע פאר אליהו הנביא, און אליהו האט אים געזאגט אז דאס איז מרומז אין דער פסוק (שמות טו יז): "מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ פָּעַלְתָּ ה' מִקְּדָשׁ אֲדֹ-נָי כּוֹנְנוּ יָדֶיךָ", אז די ערשטע און די צווייטע בית המקדש וואס זענען געבויעט געווארן דורך מענטשן זענען נישט געבליבן אויף שטענדיג, אבער די דריטע בית המקדש וואס וועט געבויעט ווערן דורך השי"ת, וועט בלייבן אויף אייביג.

און מ'קען זאגן אז צוליב דעם ענדיגט מען די ברכה מיט א 'אמן' וואס איר באדייט איז גלייבן און באשטעטיגן, ווייל ווען דער אויבישטער וועט מיט אונז מקיים זיין: "בונה ברחמיו ירושלים", וועט באשטעטיגט ווערן אונזער אמונה וואס מיר האבן אין אים אין לויף פון די לאנגע גלות אז ער וועט אויפבויען דעם בית המקדש השלישי ('מטה אהרן' הובא בהגש"פ 'חלוקא דרבנן').

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א שידוך פון הימל

די ספעציעלע ערציילונג וואס ענק האבן דא פאר אייך האט דער מגיד רבי פסח קראהן פון ניו יארק געהערט פונעם תלמיד פון דער בעל המעשה, דאס איז דער גאון רבי יעקב קאמינעצקי זצ"ל:

אין די שטעטל מיר וואס געפונט זיך אויפן גרעניץ פון פולין און ליטא האט געוואוינט א מיידל וואס איז געווארן א יתומה ל"ע פון אירע ביידע עלטערן אין א יונגן עלטער. ווען זי איז עלטער געווארן איז די מיידל געבליבן עלנד אין די צייט וואס אלע אירע חבר'טעס האבן שוין חתונה געהאט. אירע שוועריקייטן צו טרעפן א פאסיגן שידוך איז געקומען, סיי ווייל זי איז געווען א נידריגע געשטעלט, און סיי צוליב איר שטארקע ווילן צו חתונה האבן נאר מיט א פלייסיגער בחור וואס וועט מקדיש זיין זיין לעבן אויף לערנען. און פארשטייט זיך אז צו דעם פעלט זיך אויס צו האבן א פינאנציעלע שטיצע פון איר פאמיליע מיטגלידער, וואס דאס האט זי נישט געהאט, זייענדיג א יתומה וואס האט נישט קיין באקאנטע און נאנטע וואס זאל איר קענען העלפן צו ערפילן איר דערהויבענע וואונטש, און אזוי איז זי איבערגעבליבן א עלטערע מיידל.

כדי זי זאל האבן געלט האט די מיידל געארבעט אין א ביבליאטעק. די מערהייט פון די געלט וואס זי האט פארדינט האט זי אוועקגעלייגט צו קענען ערפילן איר דערהויבענע ציל, און פון דעסוועגן, די יארן האבן זיך גערוקט, אירע חבר'טעס האבן שוין אויפגעשטעלט אידישע הייזער און ערצויגן זייערע קינדער, און זי איז געבליבן עלנד און פארטרויערט. פון דעסוועגן האט זי נישט אויפגעגעבן, זי האט פארגעזעצט אירע תפילות פון טיפן הארץ צו השי"ת, און אין די זעלבע צייט האט זי נישט געוואלט נאכגיין פארשידענע פארשלאגן וואס מ'האט איר אנגעטראגן, ווען זי האט פארשטאנען אז דאס איז נישט פאסיג צו איר ווילן חתונה האבן מיט א אמת'דיגער בן תורה.

אין א געוויסע טאג, ווען זי איז געזיצן אינעם ליידיגן זאל פונעם ביבליאטעק און זי האט זיך פארטראכט אין איר ביטערן צושטאנד, איז ארויף געקומען אין איר מח א געדאנק: זי האט באשלאסן שרייבן א בריוו פאר דעם איינציגן וואס קען איר העלפן - צו איר טאטע אין הימל, געטראכט און געטון:

אויף א פאפיר וואס איז געווען אקעגן איר האט זי אויפגעשריבן די אלע תפילות וואס זענען געוואוינט געווען אויף אירע ליפן צו זאגן אין לויף פון די לעצטע יארן. אויף דעם פאפיר וואס האט נישט קיין געפיל האט זי געקענט ארויסגעבן איר גאנצע ווייטאג וואס זי האט געטראגן אין איר הארץ. זי האט אויף דעם צעטל געשילדערט קלארערהייט דאס אויסזעהן פון איר מאן אויף וועמען זי חלומ'ט און ווארט אן א אויפהער; א ריכטיגער מתמיד, זיין פארטיפט אין לערנען, א בעל מדות טובות, אזא איינער וואס וועט זי נישט דערשרעקן אויך קעגן ארימקייט וואס וועט אפשר זיין זייער מזל, און נאך אסאך אזעלעכע אויסדרוקן.

איר בריוו האט זי אויסגעפירט מיט א ריינע תפילה וואס איז געשריבן געווארן מיט טראפנ'ס בלוט פון איר הארץ:

"השי"ת, וואס דו שפייזט די ארימעלייט, דו קענסט אויפהייבן די וואס זענען דערנידערט און דו האסט ליב יתומים. דו ווערסט זיכער קענען אננעמען מיין געבעהט, דו ווייסט דאך אז איך פארלאז מיך שטענדיג אויף דיר. שרייבט אונטער מיט טרערן, דיין געטרייע טאכטער שיינא מרים".

נאכן ענדיגן שרייבן די ווערטער האט זי איינגעקנייטש די פאפיר און עס אריינגעליגט אין א קאנווערט. אינדרויסן פונעם קאנווערט, וואו מ'דארף שרייבן די אדרעס האט זי געשריבן: "לכבוד מיין טאטע אין הימל". זי האט זיך ארויסגעלאזט אויפן א וועג ביז צו די פוסטע פעלד וואס איז געווען אינדרויסן פונעם שטעטל, וואו דארט האט געבלאזן א שטארקע ווינט.

ווען זי איז אהין אנגעקומען האט די מיידל אויפגעהויבן די קאנווערט העכער איר קאפ ווען זי כאפט עס אן שוואך, ווען זי האט געפילט אז עס בלאזט א שטארקע ווינט האט זי אפגעלאזט די קאנווערט, און מיט פארוויינטע אויגן האט זי געקוקט וויאזוי די בריוו פליט ארויף צו די ריכטונג פון די וואלקענעס. ווען די קאנווערט איז פארהוילן געווארן פון אירע אויגן איז זי צוריק צו איר שטוב ווען אין איר הארץ האט זי פון פריש געהאפט צו השי"ת אז יעצט וועט ער אננעמען איר געבעהט און זי וועט טרעפן איר פאסיגן שידוך וואס זי חלומ'ט שוין אזויפיל צייט אויף דעם.

עטליכע טעג נאכדעם, איז איינער פון די אויסגעצייכנטע תלמידים פון די ישיבה ארויס אויפן פרייען פעלד נעבן די ישיבה, כדי איבער'חזר'ן דאס לערנען און קלאר מאכן די טיפע סברות. אין די צייט וואס ער האט שפאצירט אין זיין מח אין די טיפענישן פון די סוגיא, האבן זיינע אויגן באמערקט א ווייסע קאנווערט וואס איז געליגן צווישן די גראז. ער האט זיך אראפגעבויגן עס אויפהייבן טראכטנדיג מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה, און ווי גרויס איז געווען זיין איבערראשונג ווען ער האט באמערקט די ווערטער וואס זענען געווען געשריבן אויף דעם: "לכבוד מיין טאטע אין הימל".

ער האט זיך נישט געקענט שטארקן אויף זיין נייגעריגקייט און האט געעפענט דעם קאנווערט. פון דארט איז ארויסגעפאלן א ווייסע פאפיר וואס די ווערטער זענען געווען געשריבן אויף דעם זייער צושטיפט. ער האט געליינט די ווערטער מיט א התפעלות נאכאמאל אן נאכאמאל, ווען זיין התרגשות שטארקט זיך מער און מער ווען ער פילט די ערליכקייט און די אמת'דיגקייט וואס האט זיך שטארק אנגעזעהן צווישן די שורות, און נאכדעם איז ער צוריק מיט התרגשות אין בית המדרש, כדי זיך אדורך רעדן מיט זיין רבי דער ראש ישיבה רבי אליהו ברוך קמאי זצ"ל.

די שמועס צווישן אים מיטן ראש ישיבה איז געווען א לאנגע און א טיפע, און אין ענדע האט ער באקומען די ברכה און חיזוק פונעם ראש ישיבה צו זיין געוואגטע באשלוס.

א געלונגענער שדכן האט מען גערופן ער זאל זיך אריינלייגן אין דעם. מ'האט זיך גוט נאכגעפרעגט. מ'האט אפגעשמועסט זיך צו טרעפן. נאך וואס ער האט זיך באאיינדרוקט פון אירע איידעלע שטריכן און איר ערליכקייט האט ער באשלאסן אז ער וויל מיט איר חתונה האבן, כאטש זי איז עלטער געווען פון אים מיט זעקס יאר, ווען אין לויף פון די גאנצע צייט באגלייט אים דעם ראש ישיבה רבי אליהו ברוך מיט עצות און חיזוק.

די צוויי האבן חתונה געהאט און אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל, און דער בחור, אזוי ווי די וואונטש פון זיין ווייב, איז שטארק אויסגעשטיגן אין תורה און אין יראת שמים, ווען מיט יארן שפעטער איז ער באקאנט געווען מיט נאמען הגה"צ רבי יצחק יחיאל דאווידאוויץ, דער משגיח פון די ישיבה אין מינסק, און דער רבי פון מרנן ורבנן די גייסטישע פירער פונעם אמעריקאנער אידנטום: רבי יעקב קאמינעצקי, רבי יעקב יצחק רודערמאן און רבי אברהם קאלמאנאוויץ זכר צדיקים לברכה.

'ילקוט לקח טוב' - חיים של תורה, ח"א מאמר סה

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע